# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קכא**

## פרשת וירא

בענין

**ליישב סתירות בדברי רש"י –המלאכים שלחו כוס של ברכה לשרה אפילו שלא היה פת בסעודת המלאכים**

**וַיִּקַּח חֶמְאָה וְחָלָב וּבֶן הַבָּקָר אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּתֵּן לִפְנֵיהֶם וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם תַּחַת הָעֵץ וַיֹּאכֵלוּ:**
**וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אַיֵּה שָׂרָה אִשְׁתֶּךָ וַיֹּאמֶר הִנֵּה בָאֹהֶל:** (בראשית יח, ח-ט)

### סתירה בדברי רש"י

**רש"י** אויף די פסוק 'ויקח חמאה' שרייבט: **ולחם לא הביא לפי שפירסה שרה נדה, שחזר לה אורח כנשים אותו היום, ונטמאת העיסה** - פירוש: אין די פריעדיגע פסוקים (שם פסוק, ו) שטייט אז אברהם אבינו האט געזאגט פאר שרה **'וַיְמַהֵר אַבְרָהָם הָאֹהֱלָה אֶל שָׂרָה וַיֹּאמֶר מַהֲרִי שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת לוּשִׁי וַעֲשִׂי עֻגוֹת'**, דהיינו, אז שרה זאל אנגרייטען פאר די געסט ברויט, אבער אין די פסוקים ווי עס שטייט וואס אברהם האט געגעבן פאר די מלאכים, שטייט נישט אז אברהם אבינו האט געגעבן ברויט, וועגן דעם איז רש"י מסביר (על פי הגמרא במסכת בבא מציעא פז, א) אז שרה אימנו איז געווארען דעמאלטס טמא בטומאת נדה, און די ברויט וואס זו האט אנגעגרייט איז געווארען טמא, וועגן דעם האט אברהם נישט געגעבן די ברויט פאר די מלאכים.

**רש"י** אבער אין די קומעדיגע פסוק איז מסביר, פארוואס די מלאכים האבן געפרעגט פון אברהם **'איה שרה אשתך'**? ברעגנט רש"י בשם רבי יוסי בר חנינא (גמרא שם): **כדי לשגר לה כוס של ברכה** - פירוש: די מלאכים האבן געוואלט שיקן פון די 'כוס של ברכה' וואס זיי האבן געהאט פון די סעודה פאר שרה, וועגן דעם האבן זיי געפרעגט פון אברהם ווי שרה געפונט זיך.

די מפרשי המקרא פרעגן זייער א שטארקע קשיא, אז לכאורה זענען זיך די צוויי רש"י'ס סותר, ווייל די גאנצע ענין פון 'כוס של ברכה' איז נאר געזאגט געווארען ביי אזא סעודה ווי מען עסט ברויט, און מען דארף בענטשן ברכת המזון, און בשעת מען בענטש ברכת המזון איז דא חיוב צו בענטשן אויף א כוס, און דער כוס ווערט אנגערופען 'כוס של ברכה', אבער דא האט דאך רש"י געשריבן אז צו סוף האט אברהם אבינו נישט געברענגט קיין 'לחם' צו די סעודה ווייל עס איז טמא געווארען, און לפי זה האבן די מלאכים נישט געבענטשט, און אויב אזוי איז דאך נישט געוועהן קיין 'כוס של ברכה', איז וואס זאגט רש"י אז די מלאכים האבן געזיכט שרה איר צו געבן פון די כוס של ברכה?

### תירוצו של המהריב"ן

די גרויסע גאון די **מהריב"ן** [הגאון רבי יהודה בן רבי ניסן, אב"ד קאליש, ומגדולי התלמידים של המהרש"ל והמהרש"א] אין זיין ספר **בית יהודה** אויף מסכת בבא מציעא (פז, א), ענטפערט אויף דער קשיא, מיט א נייע פשט אין די ווערטער פון די גמרא, וזה לשונו: **אותו היום פירסה נדה, לכך לחם לא הביאה. מקשים העולם, לפי זה הא דאמרינן רבי יוסי בר חנינא אמר, כדי לשגר לה כוס של ברכה, וכיון דלחם לא אכלו, אין שייך לברך ברכת המזון, ומאי כוס של ברכה דקאמר, דאין שייך לומר כוס של ברכה רק דוקא בכוס של ברכת המזון?**

קומט די ריב"ן און שרייבט: **ונראה דאדרבא הכי קאמר, דהמלאכים שאלו עליה 'איה שרה' כיון שראו שלחם לא הביאה שזהו מוטל עליה, כמו שאמר אברהם 'מהרי שלש באים וגו'', לכך שאלו עליה על הסביא שלחם לא הביאה. אך, וכי לאכילה היו צריכין?! ששאלו עליה בשביל שלא הביאה לחם?! לכך דרש רבי יוסי בר חנינא, כדי לשגר לה כוס, רצון מלאכי השרת היה לאכול לחם כדי שיתחייבו לברך ברכת המזון כדי לשגר לה כוס של ברכה, לכך שאלו עליה איה שרה, למה לחם לא הביאה** - פירוש: די מהריב"ן איז מחדש א נייע פשט אין די ווערטער 'כדי לשגר לה כוס של ברכה', און ער איז מסביר: די מלאכים האבן געהערט אז אברהם האט געהייסן פאר שרה זאל אנגערייטן 'לחם', און ווען עס איז געקומען בשעת די סעודה, האבן זיי געזעהן אז שרה האט נישט אנגעגרייט קיין לחם, און די

מלאכים האבן זייער שטארק געוואלט אז עס זאל זיין לחם ביי די סעודה, און די טעם פארוואס זיי האבן געוואלט לחם, איז נישט ווייל זיי האבן געוואלט עסן ברויט, ווייל צו דען האבן די מלאכים וויכטיג געוואלט האבן ברויט? נאר די גאנצע סיבה פארוואס זיי האבן געוואלט האבן ברויט איז כדי זיי זאלן זיין מחויב מיט ברכת המזון, און זיין מחויב צו בענטשען אויף א כוס, און אזוי וועלן זיי האבן 'כוס של ברכה' צו שיקן פאר שרה. און וועגן דעם ווען די מלאכים האבן געזעהן אז אברהם האט נישט געברענגט קיין ברויט וואס שרה האט געדארפט אנגערייטען, האבן זיין געפרעגט 'איה שרה אשתך? אינז האבן איר געוואלט שיקן כוס של ברכה. לפי זה איז אזוי פשט אין די גמרא: **איה שרה אשתך, אמר רבי יוסי בר חנינא כדי לשגר לה כוס של ברכה** - ווי איז שרה וואס האט געדארפט אנגערייטן די לחם, אינז האבן דאך געוואלט פאר איר שיקן פון די כוס של ברכה, אין יעצט האט זי נישט געמאכט קיין ברויט, קענען אינז נישט שיקן קיין כוס של ברכה. ונחמד הוא!

### תירוצו של המהרש"ם

די גרויסע גאון און פוסק **רבי שלום מרדכי שבדרון זצ"ל** - די בערזאנ'ע רב, אין זיין ספר **הגהות מהרש"ם** אין **מסכת ברכות** (לז, א ד"ה תוד"ה) ענטפערט אויף דער קשיא בזה הלשון: **עי' בדרכי משה סוף סימן רח אות ה' בשם האגור שכתב, דיש אומרים דברכה אחת מעין ג' טעונה כוס וישתה אז פחות מכשיעור דשוב פטור מברכה אחרונה. ועי' רש"י ריש פרשת וירא פסוק ט', והוא מהגמרא בבא מציעא כדי לשגר לה כוס של ברכה, ומקשים דהרי איתא דלחם לא הביא, ולשיטת האגור ניחא** - פירוש: כדי צו פארשטיין אביסל בעסער די שיטת האגור וואס די מהרש"ם ברענגט אראפ, דארף מען קודם מקדים זיין אביסל די סוגיא אין **מסכת ברכות**.

די **גמרא** ברענגט אין **מסכת ברכות** (לז, א) א מחלוקת צווישען רבן גמליאל מיט די חכמים וועלכע נאך ברכה מען מאכט נאך מען עסט איינער פון די שבעת המינים, וזה לשון הגמרא שם: **תניא** - אינז האבן געלערנט אין א ברייתא, **זה הכלל** - דעס איז די כלל [הלכה] פון די ברכה וואס מען מאכט נאך וואס מען עסט: **כל שהוא משבעת המינים** - איינער פון די שבעת המינים, **רבן גמליאל אומר: שלש ברכות** - רבן גמליאל האלט אז מען דארף בענטשן 'ברכת המזון', **וחכמים אומרים: ברכה אחת מעין שלש** - און די חכמים האלטן אז מען מאכט די נאך ברכה פון מעין שלש, דהיינו על העץ אדער על המחיה וכדו'.

פארציילט די ברייתא: **ומעשה ברבן גמליאל והזקנים שהיו מסובין בעלייה ביריחו, והביאו לפניהם כותבות ואכלו** - רבן גמליאל מיט די זקנים זענען געזעצן אין די שטאט יריחו, און זיי האבן געגעס'ן 'כותבות', דהיינו תמרים, וואס דעס איז איינער פון די שבעת המינים, און ווען זיי האבן גענדיגט עסן: **ונתן רבן גמליאל רשות לרבי עקיבא לברך** - און רבן גמליאל האט מכבד געווען אז רבי עקיבא זאל 'בענטשן', דהיינו ער זאל מאכן 'זימון' אזוי ווי די הלכה איז ווען בענטשט די 'שלש ברכות' דהיינו ברכת המזון. און די גמרא פוהרט אויס: **קפץ וברך רבי עקיבא ברכה אחת מעין שלש** - רבי עקיבא האט נישט געפאלגט רבן גמליאל, און ער האט געבענטש פאר זיך די ברכה מעין שלש, און ער האט נישט געמאכט קיין זימון, און נישט געבענטשט ברכת המזון, **אמר ליה רבן גמליאל: עקיבא, עד מתי אתה מכניס ראשך בין המחלוקת! אמר לו: רבינו, אף על פי שאתה אומר כן וחבריך אומרים כן, למדתנו רבינו: יחיד ורבים הלכה כרבים**. עד כן סוגית הגמרא.

אויף דער שטיקל אין די ברייתא ווי עס שטייט 'ונתן רבן גמליאל רשות לרבי עקיבא לברך', קומט **תוספות** (ד"ה נתן ר"ג) און פרעגט זייער א שטארקע קשיא, וזה לשונו: **אותו המברך שהוא טועם צריך לברך פעם אחרת ואם כן אין לדבר סוף** - פירוש: די דין איז, ווען מען בענטשט ברכת המזון, דארף מען האבן א 'כוס של ברכה' אין תוספות האט געהאלטן [עי' מהרש"א שם] אז דעס איז אפילו איינער בענטשט ביחידות דארף ער אויך בענטשן אויף א כוס און אויב אזוי קומט אויס אז דער רעדל גייט זיך קיינמאל נישט ענדיגען לויט רבן גמליאל, ווייל א מענטש גייט עסן עפעס וואס ער גייט זיין מחויב צו בענטשן [צו ער גייט עסן ברויט, צו איינער פון די שבעת המינים], און שפעטער וועט ער בענטשן מיט א כוס של ברכה פון וויין, און ווען ער ענדיגט בענטשן גייט ער טרונקן די וויין, און ער וועט דארפן בענטשן ברכת המזון, ווייל וויין איז פון די שבעת המינים, און בשעת ער בענטשט אויף די וויין, דארף ער נאך א כוס של ברכה, אין אויף דער כוס של ברכה, וועט ער נאכמאל דארפן בענטשן, וחוזר חלילה, ואין לדבר סוף?

קומט די תוספות הרא"ש דארט אין ענטפערט: **וי"ל שלא ישתה מן הכוס כשיעור שיתחייב ברכה אחרונה** - פירוש, די כוס של ברכה וואס מען טרונקט נאכן בענטשן, זאל מען נישט טרינקן קיין 'שיעור', כדי מען זאל נישט ווערן מחויב צו נאכאמאל בענטשן.

מיט דער הקדמה קען מען פארשטיין וואס די אגור שרייבט, די אגור שרייבט: **יש אומרים דברכה אחת מעין שלש טעונה כוס, וישתה אז פחות מכשיעור דשוב פטור מברכה אחרונה, דאם לא כן אין לדבר סוף, דעל אותה ברכה אחרונה שהיא על הכוס יצטרך כוס אחרת עד עולם** - פירוש: די אגור ברענגט אראפ א 'שיטת יש אומרים', וואס האלט אז אפילו דער וואס האלטן אז מען די נאך ברכה פון שבעת המינים, איז די ברכה מעין שלש, אפילו אזוי דארף מען זאגן די ברכה מעין שלש מיט א כוס של ברכה, אין די אגור לייגט צו, אז כדי מען זאל נישט איינגיין אין די גלגל החוזר אזוי ווי תוספות פרעגט, זאל מען טוהן די עצה פון די תוספות הרא"ש אין מען זאל נאר טרינקן פחות מכשיעור, אין אזוי וועט מען נישט ווערן נאכאמאל מחויב מיט מעין שלש [און נאכאמאל דארפן האבן א כוס של ברכה, אין נאכאמאל דארפן מאכן א מעין שלש וכו'].

קומט די גרויסע גאון די מהרש"ם און בשעת'ן לערנען די תוספות האט ער זיך דערמאנט פון די שיטת האגור וואס די דרכי משה ברענגט אראפ, און ער צייכנט צו אין זיינע הגהות על הש"ס, אז לפי די אגור, ווערט פארענטפערט די קשיא וואס מען פרעגט אויף רש"י, אויב עס איז נישט געווען קיין 'לחם' ביי די סעודה פון מלאכים, ווי אזוי האבן זיין געוואלט שיקן 'כוס של ברכה', אבער לויט די אגור, אז אפילו ווען מען מאכט די נאך ברכה פון מעין שלש דארף מען אויך א כוס של ברכה, איז עס זייער פשוט, ווייל די מלאכים האבן טאקע נישט געגעסן קיין לחם, אבער משבעת המינים האבן זיי יא געגעסן, אין זיי האבן געבענטש ברכת מעין שלש מיט א כוס של ברכה, אזוי ווי די יש מפרשים פון די אגור.

**תירוצו של המהרי"ל דיסקין**

די גרויסע גאון אין רבן של ישראל **רבי יהודה לייב דיסקין זצ"ל** ענטפערט א שיינער תירוץ אויף דער קשיא (מהרי"ל דיסקין על התורה, בפרשתן), און ער איז מקדים א אנדערע סוגיא אין **מסכת ברכות** (לה, ב) ווי די גמרא איז מסביר די טעם פארוואס מען מאכט אן עקסטערע ברכה אויף 'יין', דהיינו בורא פרי הגפן [אנדערש ווי אויף שמן, וואס מאכט נישט א פרישע ברכה], און נישט בורא פרי העץ אזוי ווי מען מאכט אויף טרויבן, ווייל 'חמרא סעיד', דהיינו וויין מאכט זאט, און וועגן דער חשיבות האט מען קובע געווען א פרישע ברכה ווען מען טרינק וויין.

פרעגט די גמרא דארט: **ומי סעיד כלל** - צו דען מאכט וויין זאט א מענטש? **והכתיב** - עס שטייט דאך אין פסוק אין תהילים (קד, טו) **וְיַיִן יְשַׂמַּח לְבַב אֱנוֹשׁ... וְלֶחֶם לְבַב אֱנוֹשׁ יִסְעָד, נהמא הוא דסעיד, חמרא לא סעיד** - פירוש: פון דעם וואס די פסוק רעכנט אויס די מעלות פון 'יין' און פון 'לחם', און ביי וויין שרייבט די פסוק אז עס איז משמח, אין ביי לחם שרייבט די פסוק אז עס מאכט זאט [יסעד] איז משמע, אז וויין האט נישט די מעלה פון די לחם, דהיינו עס מאכט נישט זאט?

ענטפערט די גמרא: **אלא: חמרא אית ביה תרתי - סעיד ומשמח, נהמא - מסעד סעיד, שמוחי לא משמח** - פירוש: די פסוק האט נישט געזאגט אז 'יין' מאכט נישט זאט, די פסוק האט געזאגט אז יין האט 'אויך' די מעלה אז עס מאכט בשמחה, און דעס איז פשט אין פסוק: וויין האט צוויי מעלות, סיי עס מאכט זאכט אין סיי עס מאכט בשמחה, אין 'לחם' האט נאר די מעלה אז עס מאכט זאט, אבער עס האט נישט די מעלה אז עס מאכט בשמחה.

קומט די גמרא און פרעגט: **אי הכי** - אויב איז אמת אז 'יין' איז א זאך וואס מאכט זאט א מענטש אזוי ווי ברויט, **נבריך עליה שלש ברכות** - זאל מען בענטשן נאכן טרינקן וויין, די נאך ברכה פון 'ברכת המזון' אזוי ווי ווען מען עסט ברויט? ענטפערט די גמרא: **לא קבעי אינשי סעודתייהו עלויה** - מענטשן זענען נישט 'קובע סעודה' אויף וויין, וועגן דעם בענטש מען נישט ברכת המזון נאך וואס מען טרינק וויין אפילו עס מאכט זאט. קומט די גמרא ווייטער אין פרעגט: **אמר ליה רב נחמן בר יצחק לרבא: אי קבע עלויה סעודתיה מאי** - פירוש: ביזט גערעכנט אז מען איז נישט קובע סעודה אויף וויין, אבער וואס גייט זיין די דין אויף א מענטש וואס גייט יא קובע סעודה זיין אויף וויין, צו גייט ער זיי מחויב צו בענטשן ברכת המזון? **אמר ליה** - האט רבא געענטפערט פאר רב נחמן בר יצחק: **לכשיבא אליהו ויאמר אי הויא קביעותא, השתא מיהא בטלה דעתו אצל כל אדם** - פירוש: ווען משיח וועט קומען אין ער וועט אינז פסק'נען אויב מען קען 'קובע סעודה' זיין אויף וויין, דעמאלטס וועט מען קענען זיך ארום טענ'ן צו מען דארף יא בענטשן ברכת המזון צו נישט. אבער ווי מען האלט יעצט וואס רוב נארמאלע מענשטן זענען נישט קובע סעודה אויף וויין, אין אפילו אויב איינער וויל יא קובע סעודה זיין אויף וויין, ווערט ער אויך נישט בענטשן ברכת המזון, ווייל מען זאגט אז 'בטלה דעתו אצל כל אדם', אין רוב מענטשן זענען נישט קובע סעודה אויף וויין, אין וועגן דעם בענטש מען נישט קיין ברכת המזון נאך וואס מען טרונקט וויין אפילו מען איז קובע סעודה. עד כאן סוגית הגמרא.

קומט די גרויסע גאון די מהרי"ל דיסקין און זאגט: **משמע מדברי הגמרא, דעל יין יתכן להיות קביעות סעודה לברך עליה ג' ברכות, ורק שיהיה על פי נביא. ואיתא בדברי רז"ל דאלו ג' אנשים נדמו ליה אברהם לנביאים, וסוף המעשה מוכיח גם כן על זה שאמרו לו בנבואה למועד אשוב אליך כעת חיה וג' אברהם בעצמו היה נביא כדמוח קרא, ולפי זה היו קובעים עצמם על סעודתם, ועל ידי קביעות היין היה נקרא קביעות, והתחייבו עצמם בברכת המזון לברך על הכוס** - פירוש: לפי די סוגיא אין ברכות קומט אויס אז בעצם קען מען קובע סעודה זיין אויף וויין, נאר עס פעלט זיך אויס א נביא, אזוי ווי אליהו הנביא, וואס קען פסק'נען וואס מיינט א קביעות סעודה ביי וויין. דא ביי אברהם אבינו, איז דאך געווען א סעודה פון נביאים, קודם איז דאך אברהם אבינו אליין געווען א נביא, אין אזוי אויך שטייט אין חז"ל אז די ג' אנשים האבן אויסגעזעהן אין די אויגן פון אברהם אבינו ווי נביאים, אין אזוי אויך האבן זיי גערעדט שפעטער צו אברהם דברי נבואה אזוי ווי זיי האבן געזאגט 'כעת חיה והנה בן לשרה אשתך', איז זיי האבן יא געקענט קובע סעודה זיין אויף וויין, אין זיי זענען געווארן שפעטער מחויב צו בענטשן ברכת המזון, אין די דין איז דאך אז ברכת המזון דארף א כוס של ברכה, אין לפי זה האבן מיר א פאל, ווי די מלאכים האבן נישט געגעסן קיין לחם - אזוי ווי רש"י שרייבט, אין אפילו אזוי האבן די מלאכים געוואלט שיקן 'כוס של ברכה' פאר שרה. כפתור ופרח!

